UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Oyf Di Felder Fun Koatshela / In the Fields of Coachella

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/4sb61910

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

**Author**
Jacob Friedman, Yankl Fridman /

**Publication Date**
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

יאַנקל פרידמאַן

# אויף די פעלדער פון קאַטשעלאַ טאָל

(פראַגמענט פון אַ לענגערער דערציילונג)

אויף אַ זייטיק געסל אין שפּאַניש באַוווינטן געגנט אין לאָס אַנדזשעלעס, בעלוועדיר, האָט דאָס יונגע פּאָרפאָלק כעסוס און קאַרמען אַקאָסטאַ ענדלעך געפונען אַן אַלט אָפּגעלאָזענע הייזקע און זיך אַהינצו אַריינגעצויגן. אינעווייניק זיינען געווען צוויי צעלעכערטע מאַטראַצן, אַ פאַרזשאַווערטער קאָך־אויוון, אַ שמאָל טישל, צוויי בענקלעך און אין אַ ווינקל איז געהאַנגען אַ טונקעלער צלם.

געקומען איז דאָס פּאָרפאָלק פון שכנות־דיקן שטאַט אַריזאָנאַ, ווו כעסוס האָט זינט יינגלוויז געאַרבעט אין אַ קופּער־מינע פון דער רייכער אַנאַקאָנדע קופּער קאָמפּאַניע. נאָך דער חתונה מיט דער שיינער קאַרמען, אַן אימיגראַנטין פון מעקסיקאָ, האָט כעסוס באַשלאָסן זיך איבערציען קיין קאַליפאָרניע. דאָרט, אין לאָס אַנדזשעלעס, האָט ער געהערט, בויט מען הייזער, דאָרט זיינען פאַראַן פאַבריקן, מען פאַרדינט דאָרט פיל מער ווי אין די קופּער מינעס”, האָט כעסוס דערציילט זיין יונג ווייב.

קאַרמען איז צופרידן געווען וואָס די שכנים אַרום איר נייער היים ריידן שפּאַניש, די איינציקע שפּראַך וואָס זי פאַרשטייט. נאָר איידער איר מאַן כעסוס האָט באַקומען אַן אַרבעט ערגעץ ווו מען פאַרדינט גוט, האָט ער זיך געמוזט באַנוגענען מיט אַן אַרבעט אין אַ גאַראַדזש, ווו מען ניטשעוועט איבער אַלטע זעק און דער פאַרדינסט דערביי איז נישט אַזוי הויך.

ווען קאַרמען איז פאַרגאַנגען אין טראָגן און געקומען מיט אַ שכנה אין נאָענטן סיטי טערעס שפּיטאָל, האָט מען איר דאָרט געלאָזט וויסן אַז זי מוז גלייך אָנהייבן צאָלן ראַטעס אויף דער גאַנצער סומע וואָס מען האָט איר גערעכנט, ווייל איידער זי גייט אַהיים מיטן עופהלע, מוז אַלץ אָפּגעצאָלט ווערן — אַזוי פירן מיר זיך אין „טיטי טערעס שפּיטאָל — האָט מען איר דערקלערט. אַז כעסוס האָט געהערט וועגן די באַדינגונגען פון שפּיטאָל, האָט עס אים דערשראָקן. — ווי וועלן מיר קאָנען אָפּשפּאָרן אַזאַ סומע אין 6 חדשים, האָט ער זיך געוווּנדערט. יעמאָלט האָבן קאַרמענס אויגן זיך ברייט צעעפנט און זי האָט אים דערציילט, אַז דאָרט ווו עס אַרבעט די שכנטע, סעניאָראַ גאָמעז, קאָן זי אויך קריגן אַרבעט. — ס'איז לייכט, כלויז קלעפּן צעטעלעך אויף פלעשער, וואָס מען טוט זיצנדיק, און מיט איר פאַרדינסט וועט מען קאָנען אָנהייבן צאָלן אין שפּיטאָל. כעסוס, וואָס האָט זינט יינגלוויז געוווּסט אַז ס'אי נישטאָ אַזאַ זאַך ווי לייכטע אַרבעט, האָט ביי זיך ניט געקאָנט באַשליסן. ס'איז דאָך קיין ברירה ניט געווען, איז אַזוי געבליבן.

קאַרמען האָט געבוירן אַ מיידעלע, און אַכט שעה נאָכן געבורט האָט די יונגע מאַמע גענומען דאָס עופהלע און מיט דעם אַהיים געגאַנגען קיין בעלוועדיר, ווייל לענגער זיין אין שפּיטאָל וואָלט געקאָסט צופיל. און דאָס האַלב־פינצטערע שטיבל אויף מאַראַוויאַ גאַס אין בעלוועדיר איז באַשיינט געוואָרן מיט אַ ליכטיק פּנימל פון אַ ניי עופהלע, פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגעשטראַלט צוויי גרויסע ווי די מאַמעס אויגן. שפּעטער אין אַ שבת טאָג האָבן שכנים צונויפגעבראַכט ריינע ווייסע גענוצטע קליידעלעך, אַ ווייס מיצעלע מיט אַ ראָזאָווע סטענגעלע, דאָס אויסגעפּוצטע מיידעלע איינגעוויקלט אין אַ ראָזעווע קאָלדרע און מיט דעם אַוועק צום גלח אין בעלוועדיר. דער גלח האָט דאָס פּיצעלע באַשפּריצט מיט הייליק וואַסער און מ'האָט דאָס אַ נאָמען געגעבן ראַפאַעלאַ.

כעסוס אַקאָסטאַ האָט זיך געפלייסט ביי דער אַרבעט, געטראַכט אפשר וועט ער קריגן אַ הוספה. ס'האָט אים אָבער ניט געהאָלפן; דאגות פאַר נייע באַדערפענישן האָבן באַלאָדן אַקאָסטאַס היים און פאַרמיערט די פרייד פון ראַפאַעלאַס קומען אויף דער וועלט.

אין איינעם אַ מאָנטיק פאַרפרי האָט קאַרמען אַקאָסטאַ פאַרוויקלט איר 4 וואָ־

ביק מיידעלע, און זי אַריינגעטראָגן צו דער שכנטע פעליציע לאָפּעז. דאָרט האָט זי ראַפאַעלאַן אויף אַ קישעלע אַריינגעלייגט אין אַ שופלאָד פון אַ קאָמאָד, דעם שופלאָד מיטן קינד פאַרשטופּט אין אַ ווינקל פון אַן אַלטן דיוואַן, אַריינגעשטופּט דעם פּיצעלע אַ פלעשל מילך אין מויל. ווען קאַרמען האָט געזען אַז פעליציאַ איז שטאַרק פאַרנומען מיט איר אייגן קליינוואַרג, האָט זי זיך איבערגעצלמט, שנעל געעפנט די טיר און אַוועק צו דער אַרבעט אויף איר פריערדיק פּלאַץ.

אויפן וועג אין פאַבריקל האָט קאַרמען צו זיך געטראַכט, אפשר האָב איך עפּעס געדאַרפט אָנזאָגן דער סעניאָרע לאָפּעז, נאָר באַלד זיך איבערגעטראַכט, זי איז דאָך אַליין אַ מאַמע פון קליינע קינדער און ווייסט ווי אַרומצוגיין אַרום אַ פּיצעלע. זי איז דאָך אַ גוטע. אַלץ וואָס ראַפאַעלאַ דאַרף איז אַ פלעשעלע מילך, וועל איך איר דאָך אָפּצאָלן דערפאַר. ווי גיך איך קום אַהיים נעם איך ראַפאַעלאַן און וועל זיין מיט איר אַ גאַנצע נאַכט. און דער יונגער מאַמעס גרויסע אויגן האָבן אַ פריילעכן גלאַנץ געטאָן פון איר לעצטער מחשבה.

דער מאָנטיק־טאָג אין פאַבריקל האָט זיך פאַר קאַרמענען געצויגן און געצויגן, ווי עס וואָלט זיך גאָרניט געוואָלט ענדיקן. זי האָט זיך געשראָקן מען זאָל אַמאָל ניט מערקן אַז איר קאָפּ איז היינט ניט ביי דער אַרבעט, נאָר אין סעניאָראַ לאָפּעזעס שטיבל. ווער ווייסט, מ'קאָן זי נאָך דערפאַר אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. האָט זי פּרובירט פאַרטרייבן די מחשבות וועגן איר קינד מיט זינגען אַ שפּאַניש לידל. נאָר מאָדנע, צו וועלכן געזאַנג זי זאָל ניט צורירן די ליפּן קומט איר אין קאָפּ אַ וויגלידל און איר געמיט ווערט דורכדעם נאָך שווערער.

אויפן דיוואַן אין ווינקל ביי דער סעניאָראַ לאָפּעז איז אינעם שופלאָד געלעגן ראַפאַעלאַ און געזויגן פון פלעשל מילך. ווען מער קיין מילך איז אינעם פלעשל ניט געבליבן האָט זי געסמאַקעט די גומענע מאַמקע. און אַז פון דעם איז אויך קיין מילך ניט אַרויסגעקומען האָט זי זיך צעוויינט. נאָר אַזוי ווי אין דעם הויז האָט מען פון אַ קינדס געוויין קיין וועזן ניט געמאַכט האָט ראַפאַעלאַ אָנגעפאַנגען שטויסן מיט די פיסלעך אין די ווענטלעך פונעם שופלאָד. ווען אויך פו ןדעם איז קיין מילך ניט געוואָרן, האָט זי געעפנט די פאַרוויינטע אייגעלעך, זיך פאַרקוקט אויף דער סטעליע און איז איינגעשלאָפן. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט זי ווידער געוויינט, אַפּנים פון הונגער. נאָר איצט האָט מען איר געוויין גאָר ניט געהערט ווייל אין שטיבל האָט געגרילצט אַ רעקאָרד פון אַ שפּאַנישער טאַנגאָ. האָט די קליינע געזען אַז דאָס וויינען העלפט ניט, איז זי שטיל געבליבן אַזוי ווי זי וואָלט שלום געמאַכט מיט איר גורל צו ליגן אַזוי אין דער נעץ אַ הונגעריקע ביז די מאַמע וועט קומען. דעמאָלט וועט ווערן בעסער.

און ווען צום יאָר טערמין האָט דאָס זעלבע זיך איבערגעחזרט מיט ראַפאַעלאַס נייע שוועסטערלעך און ברידערלעך האָבן שכנים גענומען רעדן מיט פאַרדרוס אויף כעסוס אַקאָסטאַ, אָבער ניט ווייל זיין ווייב קינדלט כסדר. זיי האָט פאַרדראָסן, ווייל ער דערלאָזט זי אַ חודש נאָכן געווינען באַלד גיין צו דער אַרבעט, זיצן דאָרט ביז אין די הויכע חדשים, און ער, כעסוס, דוכט זיך אַ שטילער אַזאַ, אַ ווילער, טרינקט ניט, זידלט זיך ניט, פון דעסטוועגן קען ער ביי קיין אַרבעט זיך לאַנג ניט האַלטן. ווען קאַרמען האָט איין מאָל אַזוינס געהערט פון די שכנים, איז איר ענטפער געווען: „מיין מאַן איז אַ גוטער און אַן איידעלער". און ניט געלאָזט פון די שכנים אַ שלעכט וואָרט אויף אים פאַלן. באמת האָט אויך כעסוס אַליין ניט געוווּסט די סיבה פון זיין פּלוצים אָפּגעשוואַכט ווערן אין מיטן אַן אַרבעט. מען זאָגט אים אָפּ, און ער מוז פון דאָס ניי גיין זוכן אַן אַרבעט־פּלאַץ.

ביז איין מאָל האָט דער פאַבריק־דאָקטאָר אים אָנגעזאָגט די שלעכטע בשורה, אַז ער ליידט פון „סיליקאָזוס" אינעם בלוט. די דאָזיקע חולאת איז אים באַקאַנט געווען פון די קופּער מינעס. ער געדענקט ווי די עלטערע קופּער־גרעבער האָבן אים געוואָרנט: — כעסוס — האָבן זיי צו אים געטענהט — טו אָן אַ מאַסקע אויפן פּנים. וועסט קראַנק ווערן. נאָר ער איז געווען יונג און שטאַרק, און פון וואָרנונג זיך אויסגעלאַכט. איצט טוט אים

באַנג, נאָר ער דערמאָנט זיך, אַז זיין פריינד קאַרלאָס האָט יאָ געטראָגן אַ מאַסקע, און איז פון דעסטוועגן געשטאָרבן יונגערהייט. דעם דאָקטאָרס נייעס האָט אים איצט דערשראָקן. ער האָט דער ווייב וועגן דעם ניט דערציילט. ער האָט איר בלויז געזאָגט, אַז דער דאָקטאָר האָט אים פאַרבאָטן אַרבעטן ביי אַלטע זעק און ביי ענלעכע מלאכות וואָס האָבן צו טאָן מיט שטויב.

מיטן וווּקס פון דער משפחה איז אַלץ גרעסער געוואָרן די נויט. האָט כעסוס אָקאָסטאַ אָנגענומען די עצה פון אַ פריינד אַרויסצופאָרן מיט דער גאַנצער פאַמיליע אויף די פעלדער פון קאָאַטשעלאַ וואַלי, וווּ די גאַנצע משפחה קאָן אַרבעטן און פאַרדינען ביים קלייבן גרינס און פּרוכטן. און אפשר וועט עס אים אויך גוטס טאָן מיטן געזונט.

דער קאָאַטשעלאַ טאָל, אַ האַלב טראָפּישער מדבר אַרום 400 מייל לאַנג און 50 מייל ברייט, ליגט צפון פון לאָס אַנדזשעלעס. דער טאָל איז אַרומגערינגלט פון דריי זייטן מיט די טעאַטשעפּי בערג, פון וואַנען עס רינט זיסער שניי-וואַסער אינעם טאָל אַריין. האָבן מענטשן דעם דאָזיקן מדבר פאַרוואַנדלט אין אַ גאָרטן, וווּ עס וואַקסט פון אַ ביטער רעטעכל ביז צוקער-זיסן אַרבוז; די באַטעמסטע פּרוכטן און די זאַפטיקסטע טרויבן. די ערד איז דאָ ניט קאַרג. יעדן חודש ווערט צייטיק אַ ביי געוויקס, אַ נייער סאָרט וויין, וואָס ווערט פון דאַנען שפּעטער צעשיקט איבער דער וועלט. און אויב די וואַסערן פון די אַרומיקע בערג סטייען ניט, גרייכט אַהערצו וואַסער אויך פון קאָלאָראַדאָ טייך, וואָס אויפן וועג מערב צום פּאַסיפיק האָט ער אַמאָל דורכגעבראָכן דעם שטיינערנעם „גרעינד קעניאָן", כדי צו באַפרוכפּערן די קאַליפאָרניער מדבריות.

אַהער אין דעם פּרוכטיקן טאָל האָט די אָקאָסטאַ משפחה איבערגעוואַנדערט, זיך באַזעצט אין אַ חורבה-שטיבל, אויפגעשטעלט ספּעציעל פאַר אַזוינע פעלד-אַרבעטער. די יונגע טאָכטער ראַפאַעלאַ האָט איצט געקאָנט העלפן העלפן אירע ברידערלעך און שוועסטערלעך אָנפילן די זעק מיט גרינסן, פאַרגרינגערן דאָס לעבן פון זייער קראַנקן טאַטן.

נאָך אַ לאַנגן טאָג שווערע אַרבעט אין פעלד האָבן זיי זיך צוריקגעקערט צו זייער אָרעם חורבה-הייזל. קאַרמען האָט צוגעגרייט דאָס ביסל עסן און ווען אַלע האָבן אָפּגעגעסן צו זאַט און זיך ביסלעכווייז אָפּגערוט, האָט זיך אַ פרייד צעגאָסן אויף זייערע פּנימער: די פרייד פון קענען אַרבעטן און די האָפענונג אַז כעסוס וועט צוליב זיין געזונט מער ניט דאַרפן יעדן טאָג זוכן נייע אַרבעט. דאָ וועלן זיי קענען לעבן רואיק און זייערע קינדער וועלן אויסוואַקסן געזונט און שטאַרק.

נאָר איידער זיי האָבן זיך געקענט אָנזעטיקן מיט דער פרייד און נאָך איידער כעסוס האָט געהאַט צייט צו דערפילן די כראָנישע מידקייט פון זיין אַרבעט איז ער פּלוצלונג, אומדערוואַרט, אין מיטן דער אַרבעט אַוועקגעפאַלן אַ דערשעפּטער אויפן פעלד.

מען האָט אים שנעל געכאַפּט אין אַן אַלטער קאַר פון איינעם פון די אַרבעטער און אים אַוועקגעפירט אין אַ דערבייאיקן שפּיטאָל. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מען דאַרף אַ בלוט טראַנספוזיע. נאָר ווו נעמט מען דעם מין בלוט וואָס ער דאַרף? אין דער קורצער צייט וואָס די אָקאָסטאָס האָבן באַוויזן זיך דאָ איינצואָרדענען זיינען זיי געוואָרן היימיש און נאָענט מיט די אַנדערע אַרבעטער. אַלע זיינען זיי געווען גרייט צו העלפן מיט יעדער קלייניקייט. און ווען זיי האָבן געהערט אַז מען דאַרף בלוט זיינען זיי געקומען גרייט צו העלפן, ווי אַן אייגענעם ברודער.

דער דאָקטאָר פון שפּיטאָל האָט דורכגעפירט די טראַנספוזיע מיטן בלוט פון איינעם פון די אַרבעטער. שפּעטער ווען ער איז אַרויסגעקומען מיט דער טרייסט אַז דער קראַנקער כעסוס פילט זיך שוין אַ סך בעסער און וועט מיט דער צייט ווייטער קענען אַרבעטן אויף די פעלדער פון קאָאַטשעלאַ, האָט קאַרמען פרייער אָפּגעאָטעמט. דעם דאָקטערס טרייסטווערטער האָבן אַלעמען דערפרייט.